A-175

נחום לאם                    דרשה לשבת שובה, תשט"ז                    ק"ק קדימה

## הלכה:

1. גמ, זבחים די"ד. חוקר הגמ אי שחיטה הוי עבודה או לא, לענין שיהא כשר בזר ואומר שם דשחיטה לאו עבודה היא. רש"י מנמק דין זה בדרכו־הוא אבל הר"י מאורליינ"ש מובא בתוס' מסביר "לפי ששוה בחולין וקדשים, א"כ לאו מטעם עבודה צוה המקום שחיטה"

2. מו"ז זצ"ל מקשה (בשו"ת עמ"ה ח"ב סי' מ"ב) עפ"י הגמ' זבחים צ"א תדיר ומקודש איזה עדיף ובעי' למיפשט מהא דתנן תמידין קודמין למוספין אע"ג דמוספין קדישי - רש"י: דבעים מחמת קדוש היום - ודחי הש"ס אטו שבת למוספין אהני לתמידין לא אהני? וא"כ לפי"ז קשה דאם הסברא היא דשם שבת אהני, נומר ג"כ הכי בשחיטת קדשים וקדושת הקרבן ההני גם לשחיטה שתהא בגדר עבודה ופסולה בזר. וזה ההיפך ממ"ש הר"י מאורליינש.

3. ומו"ז הצה לתרץ דסברא זו דשש"א היא רק למ"ד מקודש עדיף דמ"ד תדיר עדיף א"צ לסברא זו. והר"י מאורליינש יסבר להלכתא דתדיר עדיף כשיטת רוב הפוסקים וממילא אין קושיא.

ולפי"ז באר הרמב"ם כפי שהביאו הריטב"א [־עין כ"מ פ"א מהל' עבודת יוה"כ ־־] דבמשנה תורה כתב מפורש דכל שאר העבודות ביוה"כ כגון תמידין אינן כשרין אא"כ נעשו ע"י הכה"ג. אבל הריטב"א הביא בשמו דזה רק לכתח' אבל בדיעבד אלו שאר העבודות כשרות אף בכה"ד [־־אגב: יש לי ראי' לדבריו מפ"ד ה"א שם דפסק דיש פיוס לתרה"ד ביוה"כ ואי לא מהני רק ע"י כה"ג מה לי פיוס ־־־] וע"ז אומר מו"ז ז"ל דהוא מבואר לפי מ"ש לעיל דלהלכה תדיר עדיף ממקודש וממילא לית לן האי סברא דשש"א ולכן ל"א דשם יוה"כ אהני לתמידין שבו, ולכן בדיעבד כשר אף בכה"ד.

4. אבל קשה על דבריו ז"ל דהא הרמב"ם עצמו ־־פ"ט תו"מ ה"ב ־־כתב דתדיר ומקודש יקדים איזה שירצה ובכ"מ שם באר דספק לרבינו האי בעי'. ולפי"ז נמצא דהרמב"ם אינו פוסק לחלוטין דתדיר עדיף והדרא קושיא לדוכתי' דא"כ שוב י"ל שש"א וה"ה ביוה"כ ולמה הכשיר בדיעבד בכה"ד

← א"ו דאין סברת שש"א תלוי' במחלוקת תדיר ומקודש איזה עדיף, כמ"ש מו"ז ז"ל.

← ולפיכך נראה ברור דכ"ע ואף מ"ד תדיר עדיף ס"ל האי כללא דשש"א, דהיא סברא חזקה ויציבה. רק דלפי"ז שוב קשה על הר"י מאורליינש ועל שיטת הריטב"א בהרמב"ם.

5. ונראה ליישב בד"י מאורליינש דכלל זה דשש"א הוא רק כשהמקודש הוא נכנס ממש בתוך המקדש ואינו עומד חוצה לו דאז מהני שם המקדש על המקודש. הדוגמא: תמידין בשבת. התמיד ־המקודש־ קרב ממש בתוך עצם המקדש שהוא יום השבת ולכן שש"א. וה"ה בכל ענין של קדושת הזמן דכל הנעשה תוך הזמן הקדוש נכנס ונכלל בתוכו לגמרי וכגון שש"א לברכת היין כלברכת היום בקידוש. משא"כ כשהמקדש הוא מפאת קדושת החפצא דאז אה"נ מקדש כל חלקי החפצא שישנם בתוכו ־־וכדין פשטה קדושה בכולה'־־ אבל ז"א במעשה חיצוני הנעשה אל החפצא המעשה אין לו שייכות ישרה אל החפצא ועומד מלבר ולכן א"א לומר בענין כזה שש"א ולכן אין מועיל קדושת הקרבן שיחיל שם עבודה על השחיטה דהשחיטה היא מעשה עצמאי שאינו חלק של חפץ הקדושה. ולפי"ז צודקים דברי הר"י מאורליינש דאך דבשבת וכל ענין קה"ז אומרים שש"א, אינו כן בשחיטת קרבנות דהוי קה"ח

6. ולפי דברי הנ"ל מובן הרמב"ם בהלכות תו"מ שם שכתב דבר"ה שחל להיות בשבת ־־כמו השנה־־ סדר העבודה הוא תחילה של שבת ואח"כ של ר"ח ואח"כ של ר"ה. ואחר כל זה כתב דתדיר ומקודש הרשות בידו איזה שירצה והלא קשה ממ"נ אם ספק הוא לענין קדימת תדיר או מקודש, מה שייך סדר' לענין שבת־ר"ה, ואי יש סדר איך שייך לומר איזה שירצה.

א"ו דלענין סדר היום שהוא ענין בקה"ז קדושת ר"ה אהני לר"ח ושבת, וק"ר"ח אהני לשבת וא"כ כולם שווים לענין קדושה ואין לנו שום קנה-המדה לענין קדימה רק התדירות ולכן מובן הסדר של הרמב"ם. אבל כל זה הוא רק כשהמקדש הוא בקה"ז משא"כ כשמדובר על קה"ח אז לא שייך לומר שש"א לכן נשאר הספק איך פוסקים אי תדיר אי מקודש עדיף ויעשה כמו שירצה.

7. אבל עוד קשה שיטת הרמב"ם עפ"י הריטב"א לענין שאר עבודות ביוה"כ דכשרין בדיעבד בכה"ד והא דוה"כ הוי קה"ז וא"כ א"א לתרץ כנ"ל, ולפי האמת הלא היה צ"ל שש"א וכשרין רק בכה"ג.

ובישוב קושיא זו נראה לומר -- עפ"י סברא אחרת שכתב מו"ז באותה תשובה -- שיש להבחין בין קדושת היום לחובות היום דאע"פ דשש"א לכל הנעשה בו ביום שיהא קדוש מ"מ סברא הוא שאין ביכולתו לתת לו דין חובת היום. וא"כ התמידין הקריבין ביוה"כ יש עליהם שם קדושת יוה"כ אבל ודאי אינם בגדר חובות יוה"כ.

וא"כ מה שהם קדושים בקדושת היום מהני לענין קדימה שהוא ענין בחומר הקדושה וג"כ לענין הלכתחילה של המקריב שיהא כה"ג ולא כה"ד אבל לעיקר של חיוב המקריב פירוש: הבדיעבד הלא על הכה"ג להקריב רק חובות אותו היום ולא כל מה שקדוש בו, (ולכן ג"כ מפיסין לתרומת הדשן).

**אַגדה:**

אַט דער הילוק צווישען קה"ז און קה"ח פון זאַך-הייליגקייט און צייט-הייליגקייט וואָס מיר האָבן אַרומגערעדט אין אונזער הלכי"שע דיסקוסיע איז אַ חילוק וואָס רופט זיך אָן אין די ברייטסטע רייהען פון לעבען און איז נישט באַגרעניצט צו די עבודה אין אַמאָליגען בית המקדש. דיאַ ערהאַבענקייט פון קה"ז איז ביי אונז אידען אַ גרונד-פּרינציפּ און לייכט-טהורם פון אונזער וועלט-אַנשאַואונג, אונזער בליק איבער דעם גאַנצען היקף פון לעבען.

אידישקייט האָט קיין מאָהל ניט באַגרעניצט און אידענטיפיצירט קדושה מיט "זאַכען" מיט שטומע טריקענע לעבלאָזע אַרטיקלען. און אפילו ווען דער הלכה האָט יאָ ערקלערט אַ געוויסע חפצא, אַ געוויסע סובסטאַנץ, אַלס הייליג, האָט זי ערשטענס-אַז אַט די קדושה איז -- ווי מיר האָבען שוין 'איבערגעצייגט -- נישט פון דער העכסטער מדרגה און צווייטענס האָט זי געהאַט גאָר אַן אַנדערע פאַרשטענדעניש אין וואָס מיינט דאָס הייליג אָדער נישט הייליג. אין יהדות און אין דער אידישע געשיכטע איז קיינמאָהל ניט פאָרגעקומען אַז מען נאָכפאָלגען די קאַטאָליקען להבדיל אין זייערע מאָדנע פּראַקטיק פון פאַרקויפען "רעליקס" אברים פון זייערע פאַרשטאָרבענע קדושים. אין צופיהל פעלער האָבען מיר - און טוהען מיר היינט - נאָכטאַנצען די אידען. מיר צייגען איבער דאָס רעכטיגקייט פון דער פאָלקסוואָרט "ווי עס קריסטעלט זיך אַזוי אידעלט זיך". אָבער, אַ דאַנק זיין ליבען נאָמען אין דעם פּרט פון אַן איבערגעטריבענעם געצענדינערישען פאַרהייליגונג פון חפצות פון באַשטימטע זאַכען 'וואָס זיינען חשוב אין דער קולטישער פּראַקטיק, אין דעם זיינען מיר גענצליך אָפּגעטיילט פון זיי.

יהדות האָט טיף אַריינגעטראַכט אין דער מענשליכע פּסיכאָלאָגי און פאַרשטאַנען אַזוי ווי מאָר האָבען פריער באַטאָנט אין אונזער הלכה אַז אַ חפצא איז באַגרעניצט אין איר קדושה דוקא וויל זי שטייט פון דרויסען, זי איז ניט נוגע דעם מענשן אליין, זי הערשט ניט איבער דער גאַנצער דראַמאַ פון זיין געבורט און טויט 'זיין פרייד און זיינע ווייטונגען, זיינע פּראַכטפולע דערגרייכונגען און זיינע ענטוישונגען. די חפצא' ווי הייליג איך זאָל דאָס ניט דערקלערן איז ניט אַ חלק פון מיר און 'איך בין ניט אַ חלק פון איהר. מיינע באַציאונגען צו אַ "זאַך" איז אומפּערזענליך און פון אַ דיסטאַנץ. קיין "שם שבת אהני" איז ניט דאָ ביי קה"ח.

אַנדערש איז אָבער מיט קה"ז מיט צייט-הייליגקייט. אַ מענש קען טוהען וואָס ער וויל אָבער לעבען אין צייט מוז ער. און אויב זיין צייט ווערט פאַררעכענט אַלס'הייליג איז ער ממילא אַ חלק פון די קדושה. ווען אַ מענש איז מקדש זיין זמן ווייס ער אַז אַזוי ווי ער קען ניט אַרויס פון צייט אַזוי קען ער ניט אַרויס פון איר קדושה. יעדער אַקט זיינער יעדער מעשה יעדער מחשבה יעדער ערפאַהרונג וואָס פּאַסירט צו איהם אין דער צייט וואָס איז באַצייכענט אַלס הייליג האָט אַן אַנדער פּנים אַן אַנדער גייסט אַן אַנדער זינען. זי ווערט העכער'און נאָבלער און פיינער און טיפער. אַז מען טונקט זיך איין אין דער טייך פון צייט-הייליגקייט מוז דער גאַנצער מענש-קיין אַנזיכט פון אים אויס-געשלאָסען ווערן דערפרי'שט פון כאָטש אַ טראָפּן קדושה. ווילטראַכטען שלעכטס אויף מיין 'חבר אין אַ פּשוטער מאָנטאָג - וועל איך דאָס מעגליך לייכט טוהען און עס וועט מיר גאָרנישט פאַרדריסען. אָבער אין שבת אָדער אין אַ ראש השנה אָדער אין די עשרת ימי תשובה און ווער רעדט גאָר וועגן יום קדוש, איז'דאָס גאָרניט אַזוי לייכט טראַכט מען שוין איבער צוויי מאָל איידער מען טוט דאָס - און נאָכדעם האָט מען טאַקע חרטה. די הייליגקייט פון צייט פון וועלכער איך קען ניט אַנטלויפן לאָזט ניט רוהען און זיין צופרידען מיט גייסטליכע מיטעלמעסיגקייט זי' וועקט אויף דעם אָפּט-פאַרשלאָפענעם ניצוץ אלקים און איהר אָנוועזענהייט אליין מאָנט און דערמאָנט אַז דער מענש האָט אַ העכערע און נאָבלער צוועק אין לעבען.

דער גרעסטער חטא אויף וועלכער אידען האבען ווען עס איז עובר געווען
איז געוועהן דער עגל הזהב. אידען האבען געמאכט א גאלדענע פיגור און מען
האט איר פארהיילגט. ר״יהודה הלוי און אידישע הוגי־דעות און דענקער פון
אלע דורות האבען שוין באטאנט אז די כוונה פון די אנשי דור המדבר איז זיכער
נישט געווען צו מאכען אן ע״ז לויט דער נוסח פון די ערנידערדיגטער
פרימיטיווע געצענדינער פון יענע צייטען. אדרבה זיי האבען אלס געגלויבט
אין איין ג־ט דער ג־ט פון אברהם און די אבות. זיי׳האבען מער ניט געוואלט
ווי א קאנקרעטער סימבאל א ״זאך״ פון הייליגקייט א באשטימטע פיזישע פיגור
וואס זאל באזיצען די אלע קוואליטעטן פון קדושה ׳כדי זיי זאלן קענען דיריגירן
זייער איבערגעגעבענקייט און גאטעסדינסט צו איהר אלס סימבאל.

און דאס איז געוועהן זייער חטא: זיי האבען געוואלט פארקערפערן און קריסטאלאזירן
קדושה אין א חפצא; זיי האבען געהאט אן איבערגעטריבענעם ווילן אויף קה״ח
זיי האבען אריינגעגעבען אלע זייערע הויכער געפילען פון קדושה - אין א זאך;
און וואס געשעהט אז מען באגייט זיך מיט קה״ח? אז דער גאנצער רעליגיעזע
איבערלעבעניש האט צו טוהען מיט א חפצא, אן אביעקט? - פארגעסט מען
קדושה און ג־ט אין דעם אייגענעם לעבען׳דער צייט פון מענש - און דערום זיין
גאנצער כאראקטער און פערזעהנליכקייט-ווערט פארגרעבט און פארשוואכט און וואכען!
און דאס זאגט אונז אונזער הייליגע תורה אז באלט נאך דעם ווי זיי האבען געמאכט
דעם עגל ווי זיי האבן זייערע רעליגיעזע אינסטינקטען צופרידענגעשטעלט
מיט קה״ח איז:ויקומו לצחק און ווי אונזערע חז״ל טייטשען אז דאס הייסט
ע״ז ג״ע און שפ״ד; ווען דער צייט פון א מענשן ווערט אויסגעליידיקט פון הייליגקייט
ווייל׳מען העט זי גענצליך אריינגעלייגט אין ״זאכען״ אין פיזישע סימבאלען
ווערט דער מענש ניט מער ווייניגער ווי א חיה - און ער ווערט אן עובד ע״ז
ער ווערט אונמאראל און א מענשענפרעססער; דאס איז אז מען לייגט אריין ~~פראד~~ דאס
פרומקייט אין באשטימטע זאכען, און מען רעכענט זיך ניט מיט איהר אין יעדער מינט
פון לעבען.

און דערפאר איז דער ענטפער, דער צוריקווירקונג פון משה רבנו געוועהן:
צוברעכן די לוחות; און לאמ׳ר זיך א טראכט געבען: פארוואס? אט די לוחות
וועלכער ג־ט ב״ה האט אליין אויסגעקריצט וואס דער כביכול האט אליין געשריבען,
זאל משה צוברעכען? אדרבה ואדרבה אין׳אזא צייט ווען דאס פאלק ווערט אויסגע-
לאסען דוקא דאן איז א צייט פון׳היטען די לוחות און לערנען דאס פאלק זייער
אינהאלט. פארוואס האט דאס משה געטאהן - און דווקא, ווי חז״ל דערציילען, עפ״י
הגבורה, לויט דער צוואה פון ג־ט אליין?

ווילט איר וויסען פארוואס? דווקא ווייל זייער חטא איז געווען אין דער פרשה פון קה״ח
פון דער פארהייליגונג און פארגעטערונג פון א לעבלאזער סובסטאנץ, האט
משה מורא געהאט אז אויך מיט די לוחות וועלען זיי אזוי טוהען - זיי וועלן
די צוויי חלקים שטיינער פארהייליגען און די עשרת הדברות, די מצוות וואס
ווענדען זיך צום גאנצען לעבען-צייט פון מענש די דברות׳וואס זוכען
צו געבען צו צייט-באגרעניצט מענש דער מתנה פון אייביגקייט, זיי ועט מען
פארנאכלעסיגן און מיט דער צייט פארגעסען.

און אזוי טייטשט טאקע דער כלי יקר אין די ווערטער פון חז״ל אל תקרי
חרות אלא חרות אז דאס גייט אויף די ווערטער ממש אז דאס באדייטונג פון
די עשרת הדברות איז ניט פארשקלאפט און אונטערטעניגט צו די שטיינערנע לוחות
נאר זי איז חירות ~~מיט א קמץ~~ פריי ניט באגרעניצט צו א הייליגע אביעקט
נאר פריי פאר אלע מענשן אין אלע דורות און אלע תקופות. לוחות האט משה
געוואלט לערנען זיין פאלק6 קומען צו לערנען קה״ז און ניט קה״ח, מען
קען צוברעכען די לוחות און מקיים זיין די דברות, און אזוי אויך
קען מען ברעכען די דברות כאטש מען פארעהרט די׳לוחות גופא.

וואס לאמיר א טראכט געבען איז דער חילוק באמת צווישען פרומע אידען היינט
און׳די רעפארמער אדער האלב-רעפארמער. מיר רופן זיך טראדיציאנעל און זיי
טוהען אויך אזוי. מיר האבען דאווגען - האבען זיי אויך סערוויסעז. מ׳ר לייגען
פון די תורה - זיי אויך. מיר שטייען אויף און האלטען די תורה בכבוד -
זיי אויך, און אפשר נאך מער. מיר ריידען וועגען דזשודאאיזם - און זיי
נאך מער; מיר פרעדיגן גלויבן אין ג־ט - זיי פיהל מעהר. אין וואס,דאן,

ליגט דער אונטערשייד?

דער חילוק איז אין דעם: פאר זיי איז די תורה א קה"ח א הייליגע אָביעקט, און פאר אונז איז די תורה דער וועג צו קה"ז צו נצחיות. פאר זיי איז א' טעמפעל א הייליג אָרט פאר אונז איז א שוהל א פלאץ וואו מען לערנט וואָס און ווי א צו באהאנדלען אונזער צייט יעדער לעבעדיקער מינוט. זיי הייבען אויף זייער ס"ת און באקוקען דעם ספר מיט באוואונדערונג און עהרווירדיגקייט – און מיט בלייבען זיי מיט דעם זיינען זיי יוצא עס גייט זיי ניט אין לעבן. מיר זאָגען אָבער איבער א ס"ת: וחיי עולם נטע בתוכינו תורה איז א הייליגע אייביגקייט תורה מוז מקדש זיין חיי־עולם און עס מוז ווערן "בתוכינו" אין אונז, און מיר אין איהר. אל תקרי הרות אלא חרות מיר זיינען ניט פארשקלאפט צום פארמעט מיר זעהן די אותיות אלס פורחות באוויר זיי – די אותיות און זייערע באדייטונג מוז אָנפילען און באלייכטען און פארהייליגען אונזער אוויר אונזער אטמאָספערע. מיר מוזען מיט יעדען אָטעם איינזאפען דער אמת פון אנכי ד' אלקיך יעדער וואָך מוז האָבען א שבת וועלכערס קדושה לויט די מקובלים איז משפיע אויף א גאנצע וואָך. דאָס איז דער נפקא־מינא. דער חילוק איז אויף וואָס לייגט מען דעם גרעסטען געוויכט – אויף קה"ח אָדער קה"ז. זיי היטען אָפּ די לוחות און צוברעכן אויף שטיק־שטיקלעך די עשה"ד. ביי אונז האבען די לוחות חשיבות נאָר צוליב די עשה"ד.

אז מיר זאָגען יאָ אז א חפצא אָדער פלאץ איז הייליג, מיינען מיר דערמיט אז אונזערע באציהונגען צו עפּעס יענע חפץ מוזען זיין פון עהרע און רעספעקט. קיין חפץ האָט איינערליכען קדושה. קה"ח מיינט בלויז אז באשטימטע דינים מוזען נאָכגעפאָלגט ווערן אין האנדלען זיי. קה"ח האָט לויט דער הלכה חילול – מען קען די קדושה לייכט פארשוועכן. מען קען פודה זיין מעשר און מטמא זיין תרומה און מועיל זיין הקדש. מען חרב מאכן א בית־המקדש און פארברענען א ס"ת. אָבער שבת וויפיהל מענשען זאָלען איר ניט מחלל זיין, בלייבט זי הייליג. וויפיהל מענשן זאָלען עססען ויה"כ בלייבט דאָס אסור. אונזער צייט אז זי ווערט הייליג, בלייבט זי אזוי און מען קען דעם פאקט ניט ענדערן.

גויים וואהרשיינדליך האָבען דאָס בעססער פארשטאנען ווי געוויסע אידען פון באשטימטע קרייזען, ווי אויך סתם אידען פון דער היינטיגער גאס. די אלטע אמאָליגער רוימער וואָס האָבען אָפּגעלאכט די אידען וויל זיי האָבען ניט קיין צלם אין קדשי קדשים האָבען פארשטאנען דעם באגריף פון קה"ח ביי אידען. אז זי מער ניט ווי א הלכישע באגרעניצונג און ניט א מאגישער אבערגלויבען אין א פאָרם פון איינערליכען קדושה וואָס מאכט איר אנדערש פון אנדערע חפצות. געלאכט האָבן זיי, אָבער זיי האָבען פארשטאנען.

נעמט אָבער אן אסימילרטע איד ווי דער באוואוסטער פילאזאָף און לעהרער פון פילאזאָפיע אין סיטי קאלעדזש מאָריס רייפיל קאָהען וואָס איז געשטאָרבען מיט עטליכע יאהר צוריק שרייבט ער אז דער באציאונג פון אידען צו זייערע הייליגטהומער איז גאָרניט אנדערש ווי די באציאונגען פון די רוימישער געצענדינער צו, להבדיל, זייערע צלמים.

און אז איר וועט מיר ערלויבען ארונטערצוקומען פון דער סטראטאָספערע אויף א ווײַלע קען איך אייך געבען אָהן א שעור ביישפילען ווי אזוי דער אומפארשטענדעניש דער עם־הארצ"ות הערשט אין דער אידישער גאס היינט. איהר וועט די מוסטער אליין דערקענען.

איין וואָך נאָך דעם וואָס איך האָב געקרוגען מיין סמיכה אויף רבנות פון מיין ישיבה בין איך געוועהן אן אסיסטענט אין א שוהל אין ניו יארק. דעם ערשטן שבת נאָכן דאוועהן קלאפט אָן דער שמש ביי מיין אָפפיס אויפן טיר און ער זאָגט מיר רבי א פרוי איז דאָ מיט א שאלה. אהא גיב איך זיך א טראכט מען געהט מיר דאָ פרעגן א געוואלטיגע וויכטיגע שאלה. אין מיין קאָפּ זיינען דורכגעלאָפן צעהנדיגע בלאט גמרא און אָהן א שעור סימנים פון יורה דעה. איך האָב זיך גוט צוגעגרייט מיט שאלות פון נאָדלען אין א קורקבן און ביטול בששים און זאלצען פון פלייש. און אָט קומט אריין די פרוי, און

איך זעה פאר זיך א פרוי פון דער מיטל-עלטער, א פראקנ־טשטען שטערן,
א פארזקרגטער פנים און אויסגעווײנטע אויגען. באלד אין מײנע מחשבות'
האב איך פארמאכט מײן יורה דעה און שנעל אויפגעמאכט מײן ש"ע אבן העזר.
דא איז זיכער א שאלה פון א גט אדער אן עגונה אדער א חליצה. עפעס
וויכטיגס מוז דא זײן. "יעס, וואס קען איך פאר אײך טוהען?"
"רבי" זאגט זי מיר "אײ'האוו א טעריבל פראבלעם אנד יו מאסט העלפ מי.
איטס'א רעליזשעס קוועסטשאן". "נו?" "יו סי, מײ פארענטס דײד סאם טײם אגו
אנד אײ האוו א ווערי מעני פיקטשורס אוו דהעם, נאו אײם קלינינג מײ אטיק אנד
אײ האוו סאו מעני פיקטשורס אוו דהעם. נאו מײ קוועסטשאן איז: מײ אײ טהראו
דהעם אוט? ארענט דהײ האולי אר סאמטהינג'אוו דהאט סארט?"
איהר הערט? א פיקטשור איז געווארן הײליג בײם לעבען. אין דער פראצעס
פון טאג-טעגליכען לעבען קען מען גרינגשאצען א טאע־מאמע פארשוועכן
זײער עהרע און פרעסטיזש און מצער זײן איבער די כחות. אבער זײער פיקטשור
איז הײליג. אודאי - ווײל דער פיקטשור איז ניט א וויכטיג חלק פון רעיאלען
לעבען. מען מען אין איהם ארײנגיסען געפיהלען פון הײליגקײט. אבער וואס
איז נוגע דער אקטועלער לעבען - כבוד אב ואם - נײן, ווײל מיר'באנוגענען זיך
מיט קה"ח, און קה"ז איז שוין אוועק, א פארגעסענעס'אטריבוט פון דער פארגאנ-
גענהײט.

דער טלית און תפילין גיט מען אפ עהרע, אבער מען איז מיט איהר מיט מקדש דעם
דעם טאג. די מזוזה"לע בינט מען אויף א קײטעלע אויפן האלז - אבער אויפן
טויער פון לעבען, אין דער אידישער הײם, אין דער פרימארגען און מיטטאג און
בײנאכט הערשט נישט דער גײסט פון מזוזה. קדושה בײ אידען איז לײדער
פארוואנדעלט געווארען אין אן אבערגלויבנישען קה"ח. זײער צײט איז, בעוה"ר,
פוסט, לײדיג, סעקולאר.

דער אײנציגער תרוץ פאר דער חיולניות דער רעליגעזער פוסטקײט פון דעם
אידישען וועלט הײנט איז - ווידער צו מקדש זײן אונזער זמן. דער אר"י
הקדוש האט מען אמאל געפרעגט פארוואס לײנט מען ק"ש נאר בײ שחרית און מעריב
און ניט בײ מנחה. האט ער געענטפערט אז מען איז מקדש דעם טאג אין דער
פרומארגען דורך קבלת עול מלכות שמים, ציהט זיך די קדושה ביז בײנאכט. און
ווײל מנחה דאווענט מען דאך נאכמיטטאג, איז ניט נײטיג נאך א ק"ש. אבער בײ
מעריב ווען דער צײט בײט זיך, דער זון גײט אונטער און עס הײבט זיך אן א
נײער תקופה, דאן קען מען זיך מער ניט פארלאזען אויף דאס וואס מען האט
אמאל, אין דער פריה, מקדש געווען דעם טאג. מען מוז אויפסנײ פארהײליגען דאס
צײט.

מורי ורבותי מיר אין דער איצטיגער עפאכע לעבען דורך א צײט פון בין-
השמשות. עס איז א צײט פון ענדערונג, פון איבערגאנג. עס הערשט א געפיהל פון
צײטווײליגקײט, א באוואוסזײן אז מיר שטײען אויפן שוועל פון א נײער צײט און א
נײער תקופה. און מיר ווײסן ניט: וועט דא פארקומען א נײע לײכטע
וואונדערבארע טאג ווען דער מענשהײט וועט דערגרײכען זײן פולע היסטארישער שפּעט
שיגזאל? -- אדער שטײען מיר חלילה אויף דער שוועל פון וועלטליכער פארניכטונג
ווען די אלע חכמות וואס דער מענשהײט האט באוויזען - אטאמישע ענערגיע און
שנעלע עראפלאנען און דענקענדיקער מאשינען - וועלן גענוצט ווערן איהם אלײן
ארײנצופיהרען אין דער גהינום פון מלחמה און האס און חורבן סײ פון וועלט סײ
פון יחיד.

דער קדושה פון דער אלטער הײם פון מזרח אײראפע די קדושה וואס אונזערע
הײליגע אבות האבען אונז איבערגעגעבן מיט דעם קען מען זיך ניט
באנוגען ווײל זי איז שוין פארשוואכט געווארען פון דורות פון נאכלעסיג-
קײט. מען מוז פריש מקבל זײן עול מ"ש און דערמיט ארײנברענגען קדושה
אין דער נײער צײט וואס קומט אויף אונז דער נײער יאהר און נײער עפאכע.
און די קדושה קען מען מחדש זײן ניט דורך קה"ח דורך מאגיק און
נעריש קײטען. נאר דורך קה"ז אלײן דורך דער באוואוסזײן פון יעדען יחיד אז
אין הדבר תלוי אלא בי דער שיגזאל פון וועלט, דער גורל פון קדושה, ווענט
זיך אין אײן יחיד: דו!

יעצט אויפן ברעג פונם נייען יאהר ביי דער בין השמשות פון א פרישען
עפאכע הערען מיר דער רוף פון נביא: קחו עמכם דברים ושובו אל ד"
נעמט מיט מיט זיך די אלע זאכען די אלע הייליגטהומער, די אלע ארטיקלען
וואס באזיצען קה"ח און מאכט עס׳א חלק פון זיך אליין, דערהויבט דאס ביז עס
ווערט פון איר קדושה א קה"ז נעמט די "דברים" די זאכען "עמכם" אין זיך
און מיט זיך זאל קדושה הערשן אין אייער לעבען כסדר און אן אויפהער און א
אזוי וועט אייער ערמעגליכען "ושובו אל ד" צוריקצוקומען צום בורא עולם,
צוריק מחדש זיין די קדושה פון אמאליגע רודות צוריק צו געווינען זייער
גייסטליכקייט. און בזכות דעם וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה
ווען די באנייטע קדושה וועט פילען אונזערע טעג און יאהרען אויף אייביק,
ובא לציון גואל אמן.